גליון 297
כי תבא תשפ"ו



דעם רבינ'ס
# מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## תְּפִילָה הֶעלְפְּט!

**נָאכְדֶעם וָואס אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם קֶענִיג זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן, הָאט דֶער בַּעַל תְּפִילָה מִיט זַיין גְרוֹיס קְדוּשָׁה גֶעהֵייסְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן - וָואס הָאבְּן פַארְבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע טֶעג אוּן נֶעכְט מִיט דַאוֶוענֶען - אַז זֵיי זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זֵיי פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען גֶעפִינֶען דֶעם קֶענִיג מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. עֶר הָאט אֲפִילוּ מְחַבֵּר גֶעוֶוען סְפֶּעצִיעֶלֶע תְּפִילּוֹת וָואס זֵיי זָאלְן זָאגְן. אוֹיךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם מְמוּנֶה אוּן צוּ דֶעם גִיבּוֹר, הָאט עֶר זֵיי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ מִתְפַּלֵּל זַיין דֶערוֹיף.**

אִין יַעֲנְקִי'ס טַאשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין לִיכְטִיג-גְרִין צֶעטְל, גֶעהַאלְטְן אִין אַ קְלֵיינֶעם זֶעקְל. וואוּ אִימֶער עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר עֶס מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ. אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּהְן שַׁבָּת'דִיג, הָאט עֶר עֶס אַרִיבֶּערְגֶעלֵייגְט אִין דִי שַׁבָּת'דִיגֶע קֶעשֶׁענֶע, כְּדֵי עֶר זָאל עֶס קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אוּן נִיצְן אִין יֶעדֶע פְרֵייעֶ מִינוּט.

וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם צֶעטְל? אוּן פַארְוָואס הָאט עֶר עֶס גֶעטְרָאגְן מִיט זִיךְ אִיבֶּערָאל?

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה!

יַעֲנְקִי הָאט אַ פֶּעטֶער וָואס הֵייסְט אָשֵׁר. אָשֵׁר אִיז שׁוֹין דְרַיי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אוּן עֶר אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט קֵיין חָתָן. אַלֶע זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען שׁוֹין לַאנְג חֲתוּנָה גֶעהַאט; טֵייל הָאבְּן שׁוֹין קִינְדֶער, אוּן פִיר פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעפְּרַאוֶועט אַ חַאלַאקֶע! אָבֶּער אָשֵׁר וַוארְט נָאךְ אַלְץ אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה.

אָשֵׁר'ס רֶעכְטֶע פוּס אִיז אַבִּיסְל קְרוּמְלִיךְ, אוּן עֶר הִינְקְט וֶוען עֶר גֵייט; דָאס קוּמְט פוּן אַ שְׁוֶועֶרֶע עֶקְסִידֶענְט וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין כִּתָּה ה'. אַ בִּיצִיקְל אִיז גֶעפָארְן גָאר שְׁנֶעל אוּן אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אִין אִים מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט. בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג לַיידְט עֶר נָאךְ פוּן יֶענֶעם עֶקְסִידֶענְט. אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער יָאר נָאךְ יָאר, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ, אוּן וֶוער וִויל דֶען אַ חָתָן וָואס הִינְקֶעט?...

יַעֲנְקִי הָאט זֵייעֶר רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיין פֶּעטֶער אָשֵׁר. יַעֲנְקִי וֵוייסְט קְלָאר אַז דַאוֶוענֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט אוּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם'ס תְּפִילָה. דֶערִיבֶּער טְרָאגְט עֶר דָאס קְלֵיינֶע צֶעטְל מִיט זִיךְ אִיבֶּערָאל, וואוּ עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אַ תְּפִילָה פַאר אַ שִׁידּוּךְ פַאר אָשֵׁר מִיט זַיין נָאמֶען: "אָשֵׁר בֶּן חַיָּה יֶענְטָא, פַאר אַ זִיוּוּג הָגוּן, בְּקָרוֹב מַמָּשׁ..."

יַעֲנְקִי דַאוֶוענְט אוּן בֶּעט אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶּער דֶערְוַוייל הֶערְט מֶען גָארְנִישְׁט קֵיין נַייעֶס בַּיי אָשֵׁר. פַארְקֶערְט, זַיינֶע יוּנְגֶערֶע חֲבֵרִים וֶוערְן שׁוֹין חֲתַנִים אוּן אִינְגֶעלַייט, זַיינֶע בְּרִידֶער וַואקְסְן שׁוֹין אוֹיךְ אוּנְטֶער אוּן קוּמֶען שׁוֹין נָאנְט צוּ דִי יָארְן, אוּן וָואס וֶועט זַיין מִיט אָשֵׁר? עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַזוֹי פִיל צַייט...

צְוֵויי יָאר שְׁפֶּעטֶער, הָאט רֶבִּי נַחְמָן דֶער מְלַמֵּד, גֶערוּפְן יַעֲנְקִי פַאר'ן שִׁיעוּר אוּן גֶעזָאגְט: "דַיין טַאטֶע הָאט גֶערוּפְן אוּן גֶעבֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט אִים גְלַייךְ צוּרִיקְרוּפְן בַּיי רִיסֶעס." אִינְמִיטְן רִיסֶעס אִיז יַעֲנְקִי גֶעלָאפְן צוּם טֶעלֶעפָאן: "יַעֲנְקִי, הֶערְסְט? דַיינֶע תְּפִילּוֹת הָאבְּן אוֹיפְגֶעטוּן! דַיינֶע תְּפִילּוֹת הָאבְּן גֶעהָאלְפְן! דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט דַיינֶע בַּקָּשׁוֹת!"

"וָואס? וָואס אִיז גֶעשֶׁען? פוּן וָואס רֶעדְסְטוּ?" הָאט יַעֲנְקִי גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער.

"וֶועגְן אָשֵׁר! אָשֵׁר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן הַיינְט נָאכְמִיטָאג!!!"

"אָבֶּער וָואס הָאט דָאס מִיט מַיינֶע תְּפִילּוֹת? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט; אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹי פִיל גֶעדַאוֶוענְט אוּן אָשֵׁר אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט קֵיין חָתָן גֶעוָוארְן בִּיז יֶעצְט, מִן הַסְתָּם אִיז עֶס נִישְׁט וֶועגְן מִיר..."

"נֵיין, נֵיין, טַייעֶרֶער יַעֲנְקִי, זָאלְסְט וִויסְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע תְּפִילָה אוּן בַּקָּשָׁה. אַמָאל דַארְף מֶען מֶער מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן צוּוַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד, אָבֶּער דָאס מוּזְטוּ גֶעדֶענְקֶען: יֶעדֶע תְּפִילָה בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער דִי יְשׁוּעָה!"

**דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם בַּעַל תְּפִילָה הָאבְּן שְׁטַארְק גֶעדַאוֶוענְט מֶען זָאל טְרֶעפְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם קֶענִיג, בִּיז מִיט דִי צַייט הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען וִוי זֵייעֶר תְּפִלָּה וֶוערְט גֶעעֶנְטְפֶערְט.**



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (15)

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיקוּמֶען** צוּ דֶעם מְמוּנָה מִיט דֶעם גִבּוֹר אִיז בְּוַודְאַי צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶועןאַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת כַּנַּ"ל.

**זֶענֶען דִי אַלֶע דְרַיי גִיגַאנְגֶען אִין אֵיינֶעם.** דְהַיְינוּ דֶער מְמוּנָה אוּן דֶער גִבּוֹר אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. אוּן דִי גָאטִין דְהַיְינוּ דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה זֶענֶען מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען.** זֶענֶען זֵיי אָנְגִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה. אִיז דָארְטִין גִישְׁטַאנֶען וַוארְטִיס בַּיי דֶער מְדִינָה.

הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דִי וַוארְטִיס. וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס אוּן וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ דֶער מֶלֶךְ.

הָאבִּין דִי וַוארְטֶעס גִיעֶנְפֶּערְט. בַּאֲשֶׁר. דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶועןָ. וָואס דֶעמוּלְט אִיז דִי וֶועלְט צוּטֵיילְט גִיוָוארִין אוֹיף כַּמָּה כִּתּוֹת (דְהַיְינוּ אוֹיף פִיל דֵעוֹת וָואס אִיטְלִיכֶע כִּתָּה הָאט גִיהַאט אֵיין אַנְדֶערֶע דֵעָה כַּנַּ"ל) דֶעמוּלְט הָאבִּין דִי לַייט פוּן דֶער מְדִינָה זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין.

**אַז דֶער עִיקָר אִיז חָכְמָה.** אוּן הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען אַ גְרוֹיסִין חָכָם פַאר אַ מֶלֶךְ. נִיט לַאנְג. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסִין חָכָם וָואס עֶר אִיז מְשׁוּנֶה אַ גְרוֹיסֶער חָכָם זֵייעֶר.

הָאט אִים דֶעם מֶלֶךְ מוֹחֵל גִיוֶועןדִי מְלוּכָה הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר חָכְמָה.

**הָאבִּין דִי דְרַיי גִיזָאגְט** (דְהַיְינוּ דֶער מְמוּנָה מִיט דֶעם גִבּוֹר מִיט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) **אַז סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז דָאס מוּז זַיין אוּנְזֶער חָכָם** (דְהַיְינוּ דֶער חָכָם פוּן דֶעם מֶלֶךְ) הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטִין. אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ אַז מֶע זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיט אִים הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט. מֶע מוּז מֶעלְדִיוֶוען. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין גִימֶעלְדִיוֶועט הָאט עֶר גִיהֵייסִין זֵיי אַרַיין גֵיין.

**זֶענֶען זֵיי** (דְהַיְינוּ דִי דְרַיי) **אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ דֶעם חָכָם** וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין מֶלֶךְ אִין דֶער מְדִינָה.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע דֶערְקֶענְט וָוארִין דֶער חָכָם. דָאס אִיז טַאקֶע גִיוֶועןדֶער חָכָם פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל.

אִיז בְּוַודְאַי דָארְט גִיוֶועןאַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיוֵויינְט ווִי גִיפִינְט מֶען נָאךְ דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע.

**הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דֶעם חָכָם.** אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט נִיט פוּן דֶער יַד פוּן דֶעם מֶלֶךְ.

הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט. אַז דִי יַד אִיז בַּיי אִים.

נָאר זִינְט דֶעמוּלְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּ שְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם רוּחַ סְעָרָה. פוּן דֶעמוּלְט אָן ווִיל

עֶר גָאר נִיט אַרַיין קוּקִין אִין דֶער יַד אַרַיין. וָוארִין דִי יַד קֶער נָאר צוּם מֶלֶךְ אַלֵיין.

נָאר עֶר הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְרִיצְט דָאס גִישְׁטַאלְט פוּן דֶער יַד אוֹיף אַ שְׁטֵיין כְּדֵי סֶע זָאל אִים אַבִּיסִיל נוּצִין צוּ זַיין זַאךְ. אָבֶּער אִין דֶער יַד אַלֵיין קוּקְט עֶר גָאר נִיט אַרַיין.

**הָאבִּין זֵיי גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם חָכָם.** וִוי אַזוֹי עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט. אַז זִינְט דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶועןְ אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען וִוי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען.

(אוּן וִוי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אַלֶע נָאר אִיבֶּער זֵיי דְרַייִ דְהַיְינוּ אִיבֶּער דֶעם אֶרְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר מִיט דֶעם מְמוּנֶה אִיז עֶר נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען)

בִּיז דִי מְדִינָה הָאבִּין אִים גִיפוּנֶען. אוּן הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ.

אוּן לְעֵת עַתָּה דֶערְוַוייל מוּז עֶר זֵיי פִירִין וֶועדְלִיג זֵייעֶר וֶועג. וֶועדְלִיג זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת. בִּיז דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר זֵיי אַרוֹיס פִירִין אוֹיף דֶעם רֶעכְטִין אֶמֶת.

**הָאבִּין זֵיי גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם חָכָם.** מְכֹּחַ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶעם גֶעלְט. כַּנַ"ל.

אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט וֶוען מִיר זָאלִין מֶער נִיט פַארְווָארְפִין וֶוערִין. אוּן צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערִין. נָאר פוּן דֶער מְדִינָה וֶועגִין כְּדֵי מֶע זָאל זֵיי פַאר רֶעכְטִין אוּן אוּם קֶערִין צוּם אֶמֶת. אִיז אוֹיךְ כְּדַאי. וָוארִין דִי זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוָוארִין.

**וָוארִין צוּם אֶמֶת דִי אַלֶע כִּתּוֹת הַנַ"ל** וָואס אִיטְלִיכֶע הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אִיר נַארִישְׁקֵייט. דִי הָאבְּן גִיוָואלְט כָּבוֹד. אוּן דִי רְצִיחָה וְכוּ' כַּנַ"ל. זֶענֶען זִיךְ אַלֶע פַארְפִירְט גִיוֶועןְ. אוּן מֶע הָאט זֵיי אַלֶע בַּאדַארְפְט אַרוֹיס פִירִין אוֹיף דֶעם רֶעכְטִין תַּכְלִית.

וָוארִין אַפִילוּ דִי כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִּין אַז דֶער תַּכְלִית אִיז חָכְמָה. דִי הָאבִּין אוֹיךְ נִיט דֶערְלַאנְגְט דֶעם אֶמֶתִין תַּכְלִית. אוּן זֵיי בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַרוֹיס פִירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיהַאלְטְן אִין חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסִית. **לוּשְׁמִיר פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייט** קָאן מֶען גְרִינְגֶער אַרוֹיס פִירִין. אָבֶּער דִי דָאזִיגֶע. זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶער עֲבוֹדָה זָרָה פוּן גֶעלְט. אוּן זֵיי זֶענֶען דְרִינֶען אַזוֹי אַרַיין גִיפַאלִין. וָואס סֶע נִיט גִימָאלְט זֵיי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דֶערְפוּן.

אוּן דֶער חָכָם הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיעֶנְפֶערְט. אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קָאן מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען. נָאר פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קָאן מֶען נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען.

**סַיידִין דָארְךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צוּ דֶער שְׁוֶוערְד כַּנַ"ל.**

**הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט.** עֶר וֶועט אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵיי, זֶענֶען זֵיי אַלֶע פִיר גִיגַאנְגֶען. אוּן דִי גָאטִין (דְהַיְינוּ דִי עֲשִׁירִים פוּן דֶער מְדִינָה) זֶענֶען אוֹיךְ מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען.

נאמען: ___________

# לאמיר זיין פאר הערן



## די צוועלעפטע מעשה - דער בעל תפילה (15)

**א. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**
- ☐ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ☐ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ☐ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**ב. פארוואס האט דער חכם נישט אריינגעקוקט אין יד?**
- ☐ ווייל ער איז געווען בצער פון די רוח סערה
- ☐ ווייל דאס איז נאר פארן מלך
- ☐ ווייל ער האט נישט געהאט די יד

**ג. איבער וועלכע פלעצער איז דער חכם נישט אריבער?**
- ☐ איבער דעם פלאץ פון דער בעל תפלה און דער גבור און דער ממונה
- ☐ אין די מעשה שטייט נישט איבער וועם ער איז אריבער
- ☐ איבער דעם פלאץ פון דער מליץ און דער אוהב נאמן

**ד. וועגן וועלכע זאך איז געווען כדאי אז די אנשי המלך זאלן ווערן צושפרייט?**
- ☐ כדאי צו טרעפן דער מלך מיט זיינע מענטשן
- ☐ צו ארויס נעמען די מדינה פון תאוות ממון
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וועלכע כתות איז גרינגער צוריק צו קערן צום אמת?**
- ☐ די מדינה של עשירות
- ☐ אלע כתות חוץ פון חכמה
- ☐ אלע כתות חוץ פון תאוות ממון

**ו. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ איינמאל
- ☐ צווימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**ווער זענען דִי גְרוֹיסֶע לַייט פון די מְדִינָה של עשירות ?**
**והיה שם שמחות ובכיות – רבינו מסביר למה היה שמחות ולמה היה בכיות ?**
**און דִי גָאטִין (דְהַיְינוּ דִי עֲשִׁירִים פוּן דֶער מְדִינָה) – קוק אריין אין די מעשה אויף לשה"ק וואסארא ווארט לייגט צו דער רבי אויף זיי ?**

### תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (14)

ווער פון די אנשי המלך איז געגאנגען דער ערשטער אויפן וועג צום שוורד ? דער ממונה על האוצרות.

און וויפל אנשי המלך זענען געגאנגען צוזאמען דערווייל ? ביז דערווייל האבן געגאנגען דריי אנשי המלך דער ממונה, דער גבור און דער בעל תפילה

וויפל מאל זענען די מענטשן פון די מדינה של עשירות געגאנגען פון זייער מדינה ? דריי מאל

1. הָאבִּין זֵיי גִישִׁיקְט מֶענְטְשְׁן. אַז זֵיי זָאלִין זוּכִין הוֹיכֶע בֶּערְג
2. און הָאבִּין גִישִׁיקְט שְׁלוּחִים אַהִין צוּ דֶער מְדִינָה הַנַ"ל
3. און הָאבִּין אַרוֹיס גִישִׁיקְט דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן זֵיי וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיי זֵיי גִיוֶוען גָאטִין אַז זֵיי זָאלִין אִין אֵיינֶעם גֵיין מִיט דֶעם מְמוּנֶה צוּ דֶער שְׁוֶוערְד

און וואס איז אנדערש די מאל וואס זיי זענען געגאנגען מיטן ממונה צו די פריערדיגע מאל ? די דריטע מאל זענען געגאנגען דִי גְרוֹיסֶע לַייט, און זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אָנְגִיטָאן מִיט צִירוּנְג

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז ׳קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים׳, לוֹטֶער ׳סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה׳. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: ״אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת״!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com